מערכת

# בחצרות

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | פ' ויחי | ז' טבת | תשע"ב | מגילה: ז.

## באריכטן:

### בקודש פנימה

(פאלגענד איז דער באריכט פון נעכטן – זונטאג אינדערפרי וועלכע מיר האבן נאכנישט באריכטעט)

נעכטן – זונטאג אינדערפרי' האט מרן רבינו שליט"א געדאוועגט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר אברהם משה טויב הי"ו פון קרית יואל, הב' בן מוה"ר שמואל אליעזר גראד הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר שמואל ראטה הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען זענען אלע תלמידי הישיבה פון אלע סניפים אריבערגעגאגען זיך געזעגענען פון רבי'ן שליט"א בעפאר דער רבי שליט"א איז געפאהרן אויף אפרוה.

### קביעות מזוזה צום נייעם בית הוראה שע"י ביהמ"ד אוהל פיגא

דערנאך איז דער רבי שליט"א אנגעקומען צום ביהמ"ד אוהל פיגא ווי דער רבי האט קובע מזוזה געווען אויפ'ן נייעם בית הוראה אין ביהמ"ד וועלכער איז נתנדב געווארן דורך מוה"ר שלום משה מנחם עקשטיין הי"ו לע"נ זיין אומפארגעסליכער זיידע הרה"ח מוה"ר משה שעהר ז"ל ס. ראה"ק.

דערנאך איז פאהרגעקומען א ענגע לחיים ווי דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר'ן נדבן און פאר די ראשי הקהלה און הנהלת הביהמ"ד.

אום 2:00 אזייגער נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א געדאוועגט מנחה בביתו נאוה קודש און דערנאך האט דער רבי שליט"א פארלאזט קרית יואל אויפן וועג קיין קענעדי לופט-פעלד – ווי נעכטן באריכטעט.

אום 6:00 אזייגער אוועגט האט די פליגער פון רבי'ן שליט"א זיך געהויבן אויפן וועג קיין לאס אנדשעלעס פון ווי דער רבי שליט"א האט ממשיך געווען קיין פאלם ספרינגס, און אום 11:40 אויפדערנאכט (קארלינפאניע צייט) איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אויף פאלם ספרינגס בשטומ"צ ווי עס האבן אפגעווארט א ענגע צאהל אנ"ש.

# יערלכיער מגבית אין לאנדאן לטובת כולל למצויינים ויואל משה אין ירושלים עיה"ק

אין די טעג קומט פאהר די יערליכע אקציע לטובת דעם כולל למצויינים ויואל משה אין ירושלים עיה"ק.

מוצשק איז פאהרגעקומען א אייגענארטיגער עלעגאנטער מסיבת מלוה מלכה פאר אברכי קהלתינו מתפללי ביהמ"ד ברך משה אראנשירט דורכ'ן דומ"ץ הביהמ"ד הרה"ג ר' יחזקאל אינזליכט שליט"א, אין היכל הביהמ"ד.

דערביי האט אויפגערעטן הרה"ג דער דיין שליט"א וועלכער האט ערוועגט דאס גרויסקייט פון שטיצן דעם כולל לצדקת רבי מאיר בעל הנס.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה הרה"ג ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א מגי"ש בקהלתינו וראה"כ סטאניסלאוו, וועלכער ארויסגעברענגט די מסירות נפש פונעם מנהל הכולל הרה"ח מוה"ר שמואל זאנוויל פאגעל שליט"א ווי ער וואנדערט ארום איבער'ן יאהר לטובת הכולל.

צום לעצט האט אופגעטרעטן דער איבערגעגעבענער מנהל הכולל וועלכער האט איבערגעגעבן א באריכט פונעם כולל און איבער די לעצטע אקטיוויטעטן אינערהאלב דעם נייעם שיכון וועלכער ווערט בעזהשי"ת געבויעט אין צענטער פון ירושלים.

מארגן – דינסטאג אוועגט קומט אי"ה פאהר דער צענטראלער מסיבה לטובת הכולל אין שטוב פון מוה"ר אהרן שלום יוסף לאנגבערג הי"ו ווי דער ציבור אנשי שלומינו וועלן זיך אי"ה ווארעם משתתף זיין להחזקת דעם יסוד פון קהלתינו הק' אין ירושלים עיה"ק.

***-שטיצט דעם הייליגן כולל! – אלקא דמאיר עננו-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.